**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו זיין פארזיכטיג אזוי ווי שווערע רעגן ברענגט סכנה פון פארפלייצונגען, געפארפולע אומשטענדן צו פארן און עלעקטריציטעט קורצשלוסן אין דאַונסטעיט, מערב ניו יארק און סאוטערן טיער**

***נאך 2-3 אינטשעס פון רעגן פארגעזאקגט פאר היינט ביז דאנערשטאג אינדערפרי***

***פארפלייצונגען ערווארטעט נעבן ברעגעס אריינרעכענענדיג וואסער ברעגעס און לענגאויס טייכן, וואסער שטרוימען און אנדערע גרינג-פארפלייצטע פלעצער***

***ברייט-פארשפרייטע 25-35 מ.פ.ש. ווינטן מיט אויסברוכן פון ביז 60 מ.פ.ש. קענען פאראורזאכן עלעקטריציטעט קורצשלוסן און געפארפולע אומשטענדן צו פארן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער זיך צו רישן פאר סכנות'דיגע וועטער, געפארפולע אומשטענדן צו פארן און פאטענציאלע עלעקטריציטעט קורצשלוסן אזוי ווי א לאנג-דוירענדע שטורעם איז פארגעשאצט צו באטרעפן די סטעיט מיט צייטן פון רעגן דורכאויס פרייטאג אין פלעצער אין מערב ניו יארק, די סאוטערן טיער, די מיד-האדסאן ראיאן און ניו יארק סיטי און לאנג איילענד.

"איך האב בלויז באקומען א באריכט פון מיין עמערדזשענסי אפרופונג מאנשפאט, אזוי ווי מיר זעצן פאר צו נאכפאלגן די שטורעם ווארלקענעס וואס זענען ערווארטעט צו אנברענגען שווערע רעגן און גאר שטארקע ווינטן צו חלקים פון אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז קריטיש אז ניו יארקער זאלן נאכפאלגן זייערע לאקאלע פארשאצונגען און אונטערנעמען די נויטיגע באווארענונג מאסנאמען אזוי ווי די וועטער קען אנברענגען געפארפולע אומשטענדן צו פארן, פארפלייצונגען און עלעקטריציטעט קורצשלוסן."

נאך 2-3 אינטשעס פון רעגן זענען פארגעשאצט צו פאלן היינט ביז דאנערשטאג אינדערפרי מיט א צייט פון נאך העכערע רעגן שנעלקייטן פון מער פון א האלב אינטש פער שעה מעגליך דעם אוונט און אנהויב נאכט. פלעצער נעבן וואסער ברעגעס, אריינרעכענענדיג שאסייען, פארקינג לאטס, פארקס, גראזיגע שטחים, היימער און ביזנעסער מיט קעלערן נעבן די וואסער ברעגע זענען אין סכנה פון פארפלייצונג. פארפלייצונגען זענען אויך ערווארטעט זיך צו אריינציהען טיפער אין די טרוקעניש פון די ברעגע לענגאויס טייכן און איינגאסן וואו די וואסער הייבט זיך, און אזוי אויך סיי ווועלכע טייכן, שטרוימען אדער שטאטישע, נידעריגע און אנדערע גרינג-פארפלייצטע פלעצער. מערערע שאסיי פארשליסונגען זענען ווארשיינליך, און קארן וואס זענען פארקירט אין אויסגעשטעלטע פלעצער נעבן די וואסער ברעגע וועלן ווארשיינליך פארפלייצט ווערן.

אין דאַונסטעיט געגנטער זענען ווינטן פון 25 ביז 35 מ.פ.ש. מיט אויסברוכן פון ביז 60 מ.פ.ש. ערווארטעט, קענענדיג אראפווארפן ביימער און עלעקטריציטעט דראטן און פאראורזאכן ברייט-

פארשפרייטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן. עס וועט זיין שווער צו פארן, באזונדערס פאר הויכע וויהיקלס, אלזא זייט פארזיכטיג אויב איר מוזט דרייווען.

פארפלייצונג וואַטשעס זענען אין קראפט פאר א גרויסע חלק פון מערב ניו יארק און די סאוטערן טיער, וואו א סך הכל פון ביז דריי אינטשעס רעגן איז מעגליך בעפאר די רעגן טוישט זיך צו שניי אדער א ווינטערדיגע געמיש. ברעגע פארפלייצונג ווארענונגען און אדווייזאריס זענען ארויסגעלייגט געווארן פאר די ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען, און אזוי אויך פאר דרום וועסטשעסטער קאונטי, פאר ביז דריי פיס פון וואסער העכער די הייעך פון די ערד אין אויסגעשטעלטע פלעצער נעבן די וואסער ברעגע דורכאויס די שעות ווען די וואסער איז הויך נאכמיטאג און אין די אוונט און פרי דאנערשטאג אינדערפרי. א פארפלייצונג אדווייזארי איז אויך ארויסגעלייגט געווארן פאר ברעגע פארפלייצונגען לענגאויס די האדסאן אין אראנדזש, פאָטנעם, ראקלענד און וועסטשעסטער קאונטיס, און א הויכע ווינט ווארענונג איז אין קראפט פאר די מיד-האדסאן, ניו יארק סיטי און לאנג איילענד ראיאנען ביז דאנערשטאג אינדערפרי.

ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורכ'ן זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף https://alert.ny.gov, אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די וועבזייטל פון די נאציאנאלע וועטער סערוויס ( National Weather Service) אויף https://alerts.weather.gov.

**<u>אגענטור אקטיוויטעטן</u>**

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע'ס אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג (Office of Emergency Management) שטייט אין פארבינדונג מיט לאקאלע אינסטאנצן און זענען גרייט צו ערמעגליכן פארלאנגען פאר הילף. שטאבן געפונען זיך ביי די סטעיט'ס זאפאסן און זענען גרייט צו ארויסשיקן עמערדזשענסי אפרופונג מיטלען און סופלייס ווי נויטיג.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**
די טראנספארטאציע דעפארטמענט פאלגט נאך די אומשטענדן און רופט זיך אפ צו די וועטער וואס ברענגט זיך מערערע סכנות מיט מער פון 3,730 סופערווייזערס און טראק דרייווערס. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט ארייננצושפרינגען און רעאגירן. שטאבן קענען צוזאמגעשטעלט ווערן פאר סיי וועלכע סארט אפרופונג מאנשאפטן וואס זענען נאר נויטיג, אריינרעכענענדיג אפרופונג צו פארפלייצונג, מאכן טשיפס פוןביימער, לאדענען און שלעפן, סוער דזשעט, שניידן און אוועקוואַרפן, אנווייזן טראפיק א.א.וו. מאנשאפטן זעצן פאר צו אונטערזוכן און רייניגן אפלויף סטרוקטורן צו זיכער מאכן אז זיי זענען פריי פון אפפאל און פארשטאפונגען. טראקס וועלן פאטראלירן סטעיט שאסייען און מאנשאפטן וועלן האלטן א נאענטע אויג אויף ברעגע פלעצער וואס זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען, באזונדערס ווען די וואסער שטאפל איז הויך. אלע שטובער אין אפעקטירטע געגנטער וועלן בלייבן מיט מאנשאפט גרייט פאר אפעראציעס 24/7 מיט אפערעיטארס, סופערווייזערס, און מעכאניקערס דורכאויס די גאנצע געשעעניש, און פריאריטעט רייניגונג אפעראציעס.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,597 גרויסע זאמד טראקס
- 340 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 85 עקסקעוועיטאר טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 82 האלץ טשיפערס

- 34 וואסער פּאמפּס
- 19 גרעידערס
- 13 וואקיום טראקס מיט סוּער דזשעטס
- 13 בוים-קרוּ באקעט טראקס
- 7 געשלעפּטע סוּער דזשעטס

די נויט צו ארויסשיקן נאך מיטלען וועט ווערן געשאצט לויט ווי אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שטורעם.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט**
די טרו-וועי אויטאריטעט האט 699 מאשין דרייווערס און סופּערווייזערס שטייענדיג גרייט זיך צו אפרופן צו סיי וועלכע ווינט, פארפלייצונג אדער וועטער-פארבינדענע פראבלעמען אריבער די סטעיט מיט קליינע ביז גרויסע שארער/זאמד טראקס, מיטלמעסיגע עקסקעוועיטאר טראקטארס, גרויסע לאָודער טראקטארס, וואקיום טראקס, רוקעווודיגע פאמפס, עלעקטרישע זעגן, בוימער שניידער און אנדערע געצייג.

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן גענוצט אויף צוווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי. די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאַונלאָודען איר טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו באקומען אומזיסט אויף איי-פאָון און ענדראָויד כלים. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת'ן זיין אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס און נאכגיין @ThruwayTraffic אויף X פאר די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
יוטיליטי פירמעס וואס זענען רעגולירט דורך די דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS) האבן אומגעפער 7,200 ארבייטער אריבער די סטעיט גרייט אויסצופירן פאררעכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט אלס רעזולטאט פון די פרילינג וועטער אין מיטן די וואך. דאס רעכנט אריין די פאלגנדע דרויסנדיגע פעלד מיטלען אונטער קאנטראקטן פארזיכערט דורך די יוטיליטי פירמעס צו ארויסהעלפן מיט פאררעכטונג און צוריקשטעלונג באמיאונגען:

- 830 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Avangrid (NYSEG/RG&E)
- 500 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך National Grid
- 50 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Central Hudson
- 300 דרויסנדיגע ארבייטער פארזיכערט אונטער קאנטראקט דורך Con Edison און Orange & Rockland

DPS שטאב מיטגלידער וועלן נאכפאלגן די יוטיליטי פירמעס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש און זיכער מאכן אז יוטיליטי פירמעס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן די מערסטע באטראפן. אויב אייער סערוויס ווערט אפגעהאקט, באזוכט די DPS יוטיליטי סערוויס אפשטעלונגען וועבזייטל פאר טיפּס.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט פאליציי טוען ווייטער האלטן אן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און זענען גרייט ארויסצושיקן נאך טרופערס צו עפעקטירטע געגענטער ווי נויטיג. אלע סטעיט פאליציי פאר-וויל-דרייוו און ספעציאליזירטע קארן און טרעקלעך, אריינרעכנענדיג סנאָו-מאָובילס, עיר שיפן און יוטיליטי טעררעין וויקעלס שטייען גרייט, און די נויטיגע געצייג ווערן יוטיליזירט פאר באלדיגער אנטווארט, לויטן נויט. אלע עמערדזשענסי ענערגיע קראפט און קאמוניקאציע אויסריכטונגען זענען גע'טעסט געווארן און פונקציאנירן ווי געדארפט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג**
DEC עמערדזשענסי מענעדזשמענט שטאב, ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, און ראיאנישע מאנשאפט זענען אויף דער וואך און האלטן אן אויג אויף דעם אנטוויקלענדן מצב און וועטער פארשאצונגען. די DEC טוט קאארדינירן ארויסצושיקן מיטלען מיט אגענטור שותפים און צו אריבערברוקן אלע כלים וואס שטייען גרייט צו גענוצט ווערן, אריינרעכנענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן און זעגן מאנשאפטן, צו געציהלטע געגנטער אין פארברייטונג פאר פאטענציאלע באטרעפונג פון שווערע רעגן, שנעלע ווינטן און פאטענציאלע ברעגע פארפלייצונגען.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**
ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. רעאגירונג געצייג ווערט אנגעפילט, איבערגעקוקט און צוגעגרייט פאר שטורעם רעאגירונג באנוץ. פארק באזיכער זאלן באזוכן https://parks.ny.gov/, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
באזירט אויף יעצטיגע פארשאצונגען פון הויכע ווינטן, האט די MTA בריקן און טונעלן ( MTA Bridges and Tunnels) פארבאטן ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס אויף אירע זיבן בריקן ביז 10:00 היינט נאכט. די פיסגייער וועגן אויף די קראָס בעי וועטעראנס מעמאריעל בריק און מארין פארקוועי-גיל האדזשעס מעמאריעל בריק וועלן אויך זיין פארשלאסן דורכאויס די צייט.

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבייטער שטייען גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע פראבלעמען און צו אוועקפירן סיי וועלכע אראפגעפאלענע ביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן. פאסאזשירן ווערן געמוטיגט צו קוקן אויף https://new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אָפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די סיסטעם. פאסאזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA עפּ און דורך די TrainTime עפּ.

**פארט אויטאריטעט**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער אומשטענדן, גיבט די אגענטור ארויס רעגלמעסיגע רייזע אלערטס און אפדעיטס לויט ווי עס נויטיגט זיך דורך אימעיל אלערטס פון די איינריכטונג און אויף סאָושעל מידיע. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארט אויטאריטעט איינריכטונגען, קוקט ביטע אויף סאָושעל מידיע, שרייבט זיך איין צו באקומען PA אלערטס אדער דאַונלאָודט איינע פון די PA טעלעפאָן עפּס, אריינרעכנענדיג RidePATH, וואס גיבט די לעצטע אפּדעיטס און אלערטס פאר PATH סערוויס.

**<u>שווערע וועטער זיכערהייט עצות פאר ניו יארקער</u>**

אלע ניו יארקער זאלן וויסן צו זיין אויפמערקזאם אויף שווערע וועטער און באקומען צייטליכע אלערטס וואס לאזן זיי וויסן וואס זיי דארפן טוהן צו זיין פארזיכערט, אריינגערעכנט עוואקואירונג. די בעסטע וועג צו באקומען צייטליכע וועטער אלערטס איז דורך זיך אויפסיינען פאר NY-Alert, אן אומזיסטע סערוויס וואס שטעלט צו וועטער און אנדערע עמערדזשענסי-פארבינדענע אלערטס.

נעמט אונטער די פאלגנדע שריט צו זיכער מאכן אז איר און אייערע באליבטע זענען באשיצט:

- אנטוויקלט א פאמיליע דיזעסטער פלאן און ווייסט וויאזוי צו אייביג זיך פארבינדן מיט משפחה מיטגלידער. באשטימט א פריינד אדער פאמיליע מיטגליד אינדרויסן פון שטאט צו זיין די "עמערדזשענסי פאמיליע קאנטאקט", מאכט זיכער אז אלע פאמיליע מיטגלידער האבן די קאנטאקט אינפארמאציע.
- באשטימט א פלאץ וואו איר וועט זיך צוזאמטרעפן אין פאל פון עמערדזשענסי — א באקאנטע פלאץ וואו די פאמיליע קען זיך צוזאמטרעפן אויב מען קען נישט צוקומען צו די הויז.
- זייט באקאנט מיט האריקאן און שטורעם סכנות אין אייער קאמיוניטי.
- אויב וואוינט איר נעבן דעם ים, לערנט איבער די היסטאריע פון אייער געגנט'ס שטורעמעס און אייערע קאמיוניטי'ס ווארענונג סיגנאלן און עוואקואירונג פלענער, אריינרעכנענדיג זיכערע רוטס ווייט פונעם ים און די לאקאציע פון אפיציעלע שעלטערס.
- ווייסט וואו צו איבערלאזן שטוב חיות דורכאויס א שטורעם — רוב שעלטערס וועלן נישט אריינלאזן שטוב חיות.

האלט די פאלגנדע סופלייס מיט זיך:

- גענוג קאנזערווירטע עסנווארג און וואסער פאר 10 טעג.
- ראדיאוס און פלעשלייטס וואס ארבעטן אויף באטעריעס און גענוג באטעריעס פאר זיי.
- א פירסט עיד קיט מיט מעדיצינען.
- וויכטיגע דאקומענטן: אינשורענס פאליסיס, מעדיצינישע רעקארדס, באנק אקאונט נומערן, סאָושעל סעקיוריטי קארטל, א.ד.ג. אין א פארמאכטע האלטער וואס לאזט נישט אריין וואסער.
- קעש, א טשעקביכל, קרעדיט קארטלעך און ATM קארטלעך.
- אן עמערדזשענסי קאנטאקט ליסטע פון מענטשן און ארגאניזאציעס מיט וועלכע איר וועט זיך מעגליך דארפן פארבינדן: סקולס, דאקטוירים, פראָוויידערס און אינשורענס קאנטאקטן.

נעמט אונטער די פאלגנדע פארמיידונג מאסנאמען:

- פארשאפט און לייגט אוועק מאטעריאלן ווי פּלייוואוד וועלכע זענען נויטיג צו קענען פארזיכערן אייער היים.
- פארערעכט לויזע- און שטאפט אויף פארשטאפטע רעגן אפלויף רערן.
- פארזיכערט און ברענגט אריין אינעווייניג גראז מעבל און אנדערע לויזע לייכטע חפצים ווי מיסט קאסטנס און גארטן געצייג וועלכע קענען זיך אויפהייבן מיט א הויכע ווינט און זיין שעדליך. האלט אויך ביימער און בוישעס ריין פון טויטע האלץ.
- קוקט איבער אינשורענס פאליסיס צו באשטימען די פארנעם פון דעקונג בעפאר א שטורעם קומט אן.
- באשטימט וואו צו רוקן שיפלעך אין פאל פון עמערדזשענסי.
- האלט זיך אינפארמירט מיט די לאקאלע וועטער אומשטענדן דורכן אויסהערן די נאציאנאלע וועטער סערוויס ראדיאָ אויף די NOAA וועטער ראדיאָ און דורך באריכטן פון לאקאלע טעלעוויזיע און ראדיאו סטאנציעס.
- ווייסט וויאזוי צו אויסלעשן די עלעקטריציטעט, הייצונג און וואסער אינדערהיים.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן